מיר האָבן אויך אַביסל שאָטן, ווייל צו ווייניק פון אונדזערע לאַנדסלייט לייגן צו אַ האַנט אין דער וויכטיקער אַרבעט, ווייל צו פיל פון אונדזערע לאַנדסלייט שטייען אָוועק פון אונדז. איז דאָך דאָס שוין מסתמא אומפאַרמיידליך. וואו עס איז פאַראַן זונענשיין מוז אויך זיין שאָטן... איצט אין דער יום־טוב'דיקער שעה ווילט זיך ניט ריידן וועגן אונדזער שאָטענדיקער זייט. עס ווילט זיך בלויז ריידן וועגן דער ליכטיקער זייט...

מה טוב ומה נעים, ווי גוט און ווי שיין איז צו זען ווי אַ צאָל פון אונדזערע מיטגלידער, פרויען ווי מענער, שוין ווייט ניט קיין יונגע, ווייזן אַרויס אַ יוגנט־פייער ווען זיי טוען פאַראיין אַרבעט. איך וואָלט זיי געוואָלט אָנרופן ביי די נעמען, וויל איך דאָס אָבער ניט טאָן. איך זאָ[illegible]עען ניט איז אויסלאָזן. איך וויל זאָגן אין שלום, דאָס מיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט פרייד און שטאָלץ, ווען איך [ז]ע די ליבשאַפט און איבערגעבנקייט פון אונזערע אַקטיווע מיטגלידער.

אים צו לאַנגע יאָר, זיין ברודער, אונדזער גרינדער און ערשטער פּרעזידענט, היימאַן מילער, וועלכער האָט אין אַלגעמיין ניט געקאַרגט מיט קיינע פון זיינע איינגנשאַפטן און מעגליכקייט,וועס ס׳האָט זיך געהאַנדלט מכּוח דעם פּרעס־טיזש און וואויל און בעסטן פון קרינקער פאַראיין. ווי ערנערגיש ער האָט געאַרבעט צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן, באַרייכערן און באַפּוצן אונדזער יובילייאום אויסגאַבע, און די גאַנצע יובילייאום קאָמיטע האָט פלייסיק און באַגייסטערט מיטגעאַרבעט און זיך באַטייליגט, ווער מיט ליטעראַרישע באַ־שטייערונגען און ווער מיט אַנדערע אַרבעטן. און ס׳איז טאַקע אַרויסגעקומען אַ לויבנסווערטע אויסגאַבע וואָס די איצטיקע איז צו איר קיין פאַרגלייך ניט.

מיר זיינען דאַמאָלסט געווען פיל אינגער אין דעם פולן באַזיץ פון דעם נאַטירלעבן געשאַנק־מיטל כּוח. נאָך ווייט אָווק פון דער לעבנס פּעריאָד וואָס אונזערע חכמים האָבן באַצייבנט מיטן סימבאָלישן טערמין בינה, וואָס דאָס מיינט צו ראַציאָנאַליזירן, באַנוצן דעם שכל און אויסרעכענען אויב די זאַך לוינט זיך? באַצאָלט זיך? וועט דאָס ווערן ריכטיק אָפּגעשאַצט און אָנער־קענט?

היינט ווען מיר זיינען פיל עלטער, אונזער אָרגאַניזאַציע האָט דער־גרייכט די עלטער פון שלושים וחמשה, אַריבערגעשפּאַנט דער תּקופה פון כּוח און דערנענטערן זיך צו דער תּקופה פון בינה, די קרעפטן זיינען שוואַ־כער, די ענערגיע ערשעפּט, די באַגייסטערונג אויסגעשעפּט. הויפּט מען אָן זיך באַנוצן מיטן מיטל בינה, צו ראַציאָנאַליזירן, צו ס׳לוינט זיך? ווערט דאָס פאַרלאַנגט? אָפּגעשאַצט? און אָנערקענט? שכל און פּראַקטיק לערנען אונז אָז ניט. בלייבט דאָך די פראַגע, מיטן ביבלישן אויסדרוק „למה זה אנכי?“ אָדער, „למי אני עמל?“.

דעריבער איז „ויצא העגל הזה“ . . . קומט אַרויס אונדזער יובילייאום אויסגאַבע אַזוי פאַרמלאָז, אינהאַלט־אַרים. ניט ווי ס׳וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַזאַ גראַנדיעזער פייערונג, ווי אַן אָפּשלוס פון 35 יאָר פון אַזעלכע שיינע, נאָבעלע און לויבנסווערטע אַרבעט ווי די פון דעם קרינקער פאַראיין און ליי־דיס אוקזילערי. אָבער חשוב׳ע אָפּיסערס און מעמבערס. דער פאַקט וואָס אונדזער אויסגאַבע איז ניט ווי געוואונטשן, מינערט ניט די וויכטיקייט און פייערלעכקייט פון אונדזער יום טוב. אונדזערע אָרגאַניזאַציאָנס צוועקן זיינען געגנזייטיקע, פריינטלעכע באַציאונגען, פאַראייניקטע טעטיקייטן און געזעל־שאַפטלעכע און וואוילטעטיקע געביטן. און מיר פירן דאָס אַלעס דורך ערנסט און געטריי, נאָך אונדזערע קרעפטן און מיטלען.

פאַר דער גאַנצער צייט וואָס מיר עקזיסטירן מעגן מיר זיך איינער דעם צווייטן האַרציק באַגריסן און ווינטשן אָנצוגיין און פאַרזעצן אונדזער אַרבעט, אויף די זעלבע געביטן פאַר אַ לאַנגער צייט און מיר זאָלן דערלעבן די פאַרווירקליכונג פון אונדזערע טרוימען און האָפענונגען. פאַר אַ שענע־רער און בעסערער מענטשהייט.

איך וויל האָפן אַז זיי זאָלן אַלע נאָך לאַנגע יאָרן אָנהאַלטן די גוטע אַרבעט, און זייער צאָל זאָל פאַרגרעסערט ווערן. און מיר זאָלן צוזאַמען פייערן פריילעכע ימים־טובים און צוזאַמען דערלעבן צו אַ שענערער, בעסערער און מער יושר׳דיקער וועלט. וואו ליבשאַפט פרידן זאָלן פאַרנעמען דעם אָרט פון האַס און מלחמה.

א. מ. (מיישל) וויינבערג, פרעזידענט

★ ★ ★

## 35 און 30

# צווישן כוח און בינה

## פון א. פרידענשטיין

אונזערע חכמים אין פרקי אבות, צוטיילן ד׳ צייט פון מענטשנס לעבן אין פעריאָדן פון צען. און יעדער צענדליק באַצייכענען זיי מיט אַ סימבאָלישן טערמין, אַנדייטנדיק אויף דעם נאַטירלעכן קערפּערליכן און גייסטיקן צושטאַנד פון מענטשן אין דער באַטרעפנדער פעריאָד: ווי בן שלשים לכוח און בן ארבעים לבינה.

דאָס וואָס גלייך נאָך כוח קומט בינה איז פיל באַדייטנד. ווען דעם מענטשנס קראַפט און ענערגיע הויבן זיך אָן אויסשעפן און קען מער ניט אָנפירן דעם לעבנס קאַמף מיט די מיטלען פון כוח, מוז ער זיך אָנהויבן באַנוצן מיטן מיטל מוח און דאָס איז בינה.

איך ברענג אַרויס דעם געדאַנק אין שייכות צו אונזער 35טער און 30טער עניווערסארי פייערונג און סואווניר בוך אויסגאַבע.

דאָס איז באַ דעם קרינקער פּאַראַיין און לײדיס אוקזילערי ניט דער ערשטער יובילייאום פייערונג און ניט דער ערשטער סואווניר בוך אויסגאַבע. און ווי פאַרשידן און אנדערשטדיק איצטיקע פייערונג טיילט זיך אויס פון די אמאָליקע פייערונגען. איבערהויפּט וויל איך באַטאָנען און זיך דאָ אָפּשטעלן אויף דער אַנדערשקייט פון אינהאַלט און פאָרם פון אונדזער סואווניר בוך וואָס מיר גיבן אַרויס צו אונדזער 35טן יובילייאום פייערונג אין פאַרגלייך צום אינהאַלט און פאָרם פון אונזער 15־יאָריקן יובילייאום פייערונג און סואווניר בוך. ערשט דאָ קומען אַרויף די פאַקטאָרן „כוח און בינה" זייער קלאָר און בולט.

איך דערמאָן זיך די מי און ענערגיע וואָס אונזער פאַרשטאָרבענער ברודער אב. מילער ע״ה, האָט אַריינגעלייגט אין אונדזער ערשטן בוך. און

אין דער שרעקליכסטער אידישער קאַטאַסטראָפע ווען היטלער האָט אין זיינע גאַז־קאַמערן דערשטיקט און פאַרברענט 6 מיליאָן אידן — אונזער קרינקער אידישע באַפעלקערונג אָבגעווישט פון דער ערד. טויזנטער קרינקער אידן דערשאָסן און באַגראָבן אין ריזיקע ברידער־קברים. שטייט פיליפ אין דער שפיץ פון אַ גרויסע רעטונגס אַרבעט פאַר די רעשטלעך לעבן־געבליבענע.

אונטער זיין פירערשאַפט ווערן געזאַמלט טויזנטער דאָלאַרן צו אַריבערפירן די געציילטע לעבן־געבליבנע קרינקער וואָס האָבן זיך דאָן געפונען אין ביאַליסטאָק. און מיט די הילף פון דעם אידישן אַרבעטער קאָמיטעט ווערן זיי אַריבערגעפירט אין דער פרייער פאַריז, און פון דאָרטן אין אַמעריקאַ, קאַנאַדע, אויסטראַליען, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער, וואו עס האָבן געוואוינט זייערע נאָענטע. מיין ברודער פיליפ האָט אין יענע יאָרן געשריבן אַ גאָלדענעם בלאַט אין דער געשיכטע פון די קרינקער אין שיקאַגאָ.

און איצט דער קאַפּיטל וולאַדעק — אונדזער קיינמאָל פאַרגעסענער וולאַדעק. זיין באַזוך אין פוילן און ספּעציעל אין קריניק. זיין גרויסער מיטינג מיט די קרינקער אין שיקאַגאָ, ווען די קרינקער פאָלקס־שול איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויפן גאַס. אונזער קאַמפּיין דאָן צו שאַפן אין שיקאַגאָ, אַ טויזנד דאָלאַר צו בויען אין קריניק אַ היים פאַר דער פאָלקס־שול. יענע באַגייסטערטע פאַרזאַמלונגען וואָס וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן.

און כטאָש היטלער ימח שמו — האָט פאַרוויסט אונדזער קריניק, דערשאָסן די גאַנצע אידישע געמיינדע, וועלן אָבער יענע יאָרן בלייבן, אין מיינע געדאַנקען, אין מיינע בלוטן, די יאָרן וואָס איז מיר נאָך געבליבן צו לעבן.

איך קלער פון מיין נאָענטן פריינט און איצטיקער פרעזידענט משה'ל וויינבערג. און מיין טייערער פריינד דער לאַנג־יאָריקער סעקרעטאַר, מאיר דזשייקאָבס, וואָס ווערט איצט 75 יאָר אַלט און איך האָף אַז זיי וועלן נאָך לאַנג לעבן און שטיין ביים רודער פון די קרינקער און אויפהאַלטן די שיינע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן אַריינגעשריבן אַזעלכע פיינע גאָלדענע בלעטער אין דער געשיכטע בוך פון די אידישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקאַ.

מיין קרינקער פאַראיין אין שיקאַגאָ און זיינע קרינקער ליידיס אוקזילערי, זייט אַלע געגריסט.

פון אייער לאַנדסמאַן און בעסטן פריינט.

היימאַן שניידער

433 סטייט סט., העמאָנד, אינדיאַנאַ

# מיין האַרציקע באַגריסונג צום קרינקער פאַראיין
# און קרינקער לײדיס אוקזילערי

●

שרייבנדיק מיין באַגריסונג צום 35־יאָריקן יובילואום פון קרינקער פאַראיין און 30 יאָר פון דער לײדיס אוקזילערי — פליען דורך אין מיין געדאַנק די לעצטע 3 צענדליק יאָר:

וועל איך ניט פרובירן אין מיין איצטיקער באַגריסונג געבן אַן אָבשאַצונג פון דער אַרבעט פון קרינקער פאַראיין — דאָס וועלן געוויס טאָן די בעאַמטע, די וואָס שטייען איצט ביים רודער, ביי דער אַרבעט אין דעם קרינקער פאַראיין.

עס זיינען אין מיין געדאַנק איינגעקריצט פערזענלעכקייטן און פּאַסירונגען וואָס זיינען אין דעם גאַנג פון יאָרן פאַרבליבן מיט מיר און וועלן בלייבן אין אַלע יאָרן וואָס איך וועל נאָך לעבן.

אויף מיר האָט איבערגעלאָזט אַן איינדרוק דער אַמאָליקער פּרעזידענט, וועלוועל סערלין — אין דער היים אין קריניק פלעגן מיינע עלטערן אָפּט ריידן וועגן וועלוול דעם „גוראַלניק". טרעפנדיק אים אין שיקאַגאָ, טעטיק אין דעם קרינקער פאַראיין — און כאָטש מיר זיינען געווען 2 באַזונדערע וועלטן, איז אָבער ביי מיר געבליבן אַ באַציאונג פון רעספּעקט צו יענעם וועלוועל סערלין, אַלס איינער פון די ערשטע בויער פון קרינקער פאַראיין אין שיקאַגאָ. און — היימי מילער, לאַנג־יאָריקער פּרעזידענט פון קרינקער פאַראיין, אין קרינעק אונדזערער אַ שכן געווען, אַנאָהענטער פריינט — היימי מילער. ער האָט מיר אַריינגעפירט אין דער דאַמאָלסטיקער „בונדישער" אָרגאַניזאַציע אין קרינעק. און עס ענדערט גאָרנישט דעם פאַקט — וואָס היימי מיללער איז אַוועק אויף אַנדערע וועגן, און איך בין געבליבן 50 יאָר אַ בונדיסט. און איצט נאָך שטאַרקער איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון די בונדישע פּרינציפּן. דאָך אין מיין געדאַנק איז געבליבן יענער היימי מיללער וואָס האָט מיר אין מיינע יונגע יאָרן, אויף די געהיימע שפּאַצירן, ערקלערט דעם גרויסן אידעאַליזם וואָס דער „בונד" טראָגט מיט זיך. די איינציקע האָפנונג פאַר די אונטערדריקטע אידישע אַרבעטער, אין אַלע לענדער, וואו זיי געפינען זיך. און טרעפנדיק היימי מיללער מיט 33 יאָר צוריק אין שיקאַגאָ, אַ טוער אין קריניקער פאַראיין פאַר לאַנגע יאָרן, איז ער איינער פון די וואָס זיינען געבליבן אין מיין געדאַנק די אַלע יאָרן.

און אַט טרעט אַריין מיין ברודער פיליפּ שניידער אַלס פּרעזידענט פון די „קרינקער", אין אַ טראַגישע צייט. פלוצלונג פאַרלאָזן פון איר פּרעזידענט, נעמט פיליפּ איבער די פירונג ביי די קרינקער. דער קרינקער פאַראיין באַקומט נייעם לעבן, טוט גאָר וויכטיקע אַרבעט.

די אַלע יאָרן וואָס איך בין געווען פאַרבונדן מיט אייך איז מיין ליבע פרוי ענני געווען טעטיק מיט אייך קרינקער לײדיס אוקזילערי, ווייס איך ווי שטאַרק איר באַדויערט מיין און אייער גרויסן פאַרלוסט. איך שאַץ זייער שטאַרק אָפּ אַז איר זייט אַזוי שטאַרק געווען פאַרטראָטן ביי מיין פרוי׳ס לויה, כאָטש עס איז געווען אַזאַ שרעקלעכע קעלט יענעם טאָג. די באַדויערונג-ווערטער פון אונזער פרעזידענט, מיין פריינט — משה׳ל ווײנבערג, וועט שטענדיק בלייבן אין מיין געדאַנק.

עס שטייען איצט פאַר מיינע אויגן יענע אַלע יאָרן וואָס מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט, אין ליידן און אין פריידן צוזאַמען געשטאַנען. וויל איך איצט אין דעם יובילעאום בוך פאַראייביקן דעם פיינעם נאָמען פון מיין ליבע פרוי ענני, אין מיין נאָמען — אין מיינע קינדערס און אייניקלעכס נאָמען.

איך וויל האָפן אַז איר וועט אָנהאַלטן די פיינע אַרבעט פון די קרינקער.

איך וועל איצט ווידער זיין מיט אייך און צוטראָגן מיין טייל אַזוי לאַנג ווי מיינע כוחות וועלן אָנהאַלטן.

זייט געגריסט און געדאַנקט פון אונז אַלע.

פיליפּ שניידער און מיין זון פריינק שניידער מיט זיין פרוי און זון. מיין טאָכטער פעי און איר מאַן היימאַן העניאַק און זייערע צוויי זין. מיין טאָכטער און איידעם אסתר און דייוו גאָמבערג און זייערע 2 קינדער, און מיין אינגסטע טאָכטער און איידים בעקי און וויקטאָר פרידמאַן און זייערע 3 קינדער.

★
★

## מיין האַרציקע באַגריסונג צו מיין קרינקער פאַראיין צו זיין 35 יאָריקן יובילעאום און צו אַלע טייערע פרויען פון די קרינקער ליידים אוקזילערי צו אייער 30 יאָריקן יובליי

• •

טייערע פריינט:

צי דאַרף איך אייך שרייבן ווי שטאַרק איך ליב מיינע קרינקער? און אין אַלע יאָרן פון מיין פאַרבינדונג מיט אייך אַלס פרעזידענט פון קרינקער פאַראיין בין איך נאָך מער צוגעבונדן געוואָרן צו אייך.

אָבער מיר האָט איצט אַ גרויס אומגליק געטראָפן — איך האָב מיין געטרייע לעבנס באַגלייטערן און חבר פאַרלאָרן. וועל איך איצט ווידמען מיינע איצטיקע געציילטע ווערטער צום אָנדיינק פון מיין פאַרשטאָרבענער פרוי:



ענני שניידער

אין דעם קרינקער יובלעאום בוך אַרויסגעגעבן פון דעם קרינקער פאַראיין צו אייער 35 יאָריקן יובילעאום ווייל איך פאַראייביקן דעם נאָמען פון מיין טאַטע און מאַמע

# דזשאו און גאליע שניידער

יאָרן לאַנגע געטרייע מיטגלידער פון קרינקער פאַראיין און ליידיס אוקזילערי.

איך ווינטש מיין טאַטע-מאַמע נאָך לאַנגע יאָרן פון געזונט און נאָך לאַנג זיך פרייען מיט זייערע געטרייע קינדער און אייניקלעך. און אור-אייניקלעך וואָס זיי האָבן דערלעבט צו זען.

אין מיינע עלטערנס עהרע וועל איך אַלעמאַל פאַרבלייבן אַ גע-טרייער אַנהענגער צו דער אַרבעט פון די קרינקער אין שיקאַגאָ.

דער געטרייער זון,

בעני שניידער מיט פרוי און טאָכטער.

באַרבאָ, אינדיאַנאַ

מיר נוצן אוים די געלעגנהייט צו באַגריסן דעם קרינקער

פאַראיין צו זיין 35 יאָריקן יובילעאום און דער קרינקער

לײדיס אוקזילערי — צו איר 30 יאָריקן יובילעאום

אין כבוד פון אונזערע ליבע טאַטע און מאַמע

# דזשאו און גאליע שניידער

אונזער פאָטער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע קראַנקהייט און איצט ערהאָלט ער זיך און מיר ווינטשן אונזער פאָטער און מוטער נאָך לאַנגע יאָרן און ער זאָל קריגן זיין געזונט און לעבן, און געניסן פון דער שיינקייט פון אונזער גרויסער און פיינער פאַמיליע.

מיר שיקן אונזער האַרציקע באַגריסונג צו די קרינקער און זאָגן צו — אַז מיר וועלן שטיין מיט אייך אין אייער פיינע אַרבעט אין די קומענדיקע יאָרן.

מיר גרוס,

טאַטע און מאַמעס געטרייע טאָכטער און איידים ליבע און

איזראַעל מישקאָווסקי, פון נאָקס, אינדיאַנאַ. און אין

דעם נאָמען פון זייערע אייניקלעך און אור-אייניקלעך

## צום 35־יאָריקן יום־טוב פון קרינקער פאַראיין
## און ליידיס אוקזילערי

חשוב'ע פריינד!

עס איז אונדזער אמת'ער פאַרגעניגן צו קענען אייך אַלעמען באַגריסן צו דעם איצטיקן שיינעם יום טוב פון אונדזער פאַראיין.

ווייל 35 יאָר איז אַ וויכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע פון אַן אָרגאַניזאַציע, אייער יובילעאום וועט דורכפירן אַ סך - הכל פון אַלץ וואָס איר האָט געטאָן אין פאַרלויף פון די יאָרן.

ניט נאָר האָט איר געדינט אייער שטאָט „קרינקי" און די לאַנדס־מאַנשאַפט, געטאָן פשוט'ע רעטונגס־אַרבעט, אין אַלע קריטישע מאָ־מענטן ווי גוטע געטרייע קינדער זאָרגן פאַר די נויטן פון אַן אַלטער מאַמע, נאָר איר האָט געהאָלפן דעם גאַנצן אידישן פאָלק און אַלע זיינע ליידן. אייער פאַראיין איז אַלע מאָל געווען איינער פון די וואָ־רימסטע צו אונדזער קולטור און אידישע שול באַוועגונג, צו דעם פּראָגרעסיוון און סאָציאַליסטישן געדאַנק אין אַמעריקאַ. איר האָט גע־האָלפן דער אַרבעטער באַוועגונג, איר האָט זיך באַטייליקט אין זיי־ערע ליידן און פריידן, איר האָט געטראָגן אויך די פאָן פון די שיינע קולטורעלע און רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון אייער היים־שטאָט קרינקי.

אייער פאַראיין האָט אָנגעשריבן אַ שיינעם בוך מיט אַ סאַך בלעטער רייכע געשיכטע מיט גאָלדענע אותיות אין פאַרלויף פון די פאַרגאַנגענע דריי און אַ האַלב צענדליק יאָרן. בלעטער וואָס שטעלן אַוועק אייער פאַראיין אין סאַמע אויבן־אָן צווישן די אידישע לאַנדס־מאַנשאַפטן און פאַרשאַפן אַ סך כבוד די קרינקער אידן און זייערע פריינד אין אַמעריקאַ.

מיר ווינטשן אייך טייערע פריינד, מיט אייערע פאַמיליעס אַז איר זאָלט נאָך זוכה זיין צו פייערן אַ סך יום־טובים — אַז איר זאָלט קענען פאָרטזעצן אייער גוטע אַרבעט מיט אַ גרינגען געמיט און מיט אמת'ן נחת רוח.

זייט נעגריסט פריינט און קרינקער לאַנדסלייט. זאָל אונזער 40־יעריקער יובילעאום געפייערט ווערן אין אַ וועלט פון פרידן, אין אַ וועלט פון סאָציאַלן יושר און סאָציאַלע גערעכטיקייט.

**בען און טילי סילווערמאַן**

מייוואוד איל.

## סאַלוט און האַרציקע באַגריסונג פון קרינקער ברענטש 389 א. ר. ניו יאָרק, צו אונזער שיקאַגער קרינקער פאַראיין און פרויען אוקזילערי. צו אייער 30 יאָריקער פייערונג

• • •

פריינד און לאַנדסלייט:

אימער ביי אונדזערע פייערונגען זענט איר גוט פאַרטראָטן, מיט אייערע באַגריסונגען און דאָס זעלבע זוכן מיר אימער צו טאָן צו אייערע פייערונגען. ווייל, נאָך אַלע זאכן טוען מירביידע די זעלבע אַרבעט, אָנצוהאַלטן אונדזערע אָרגאַניזאַציעס, מיט פריינדשאַפט, און ברידערליכע הילף, און העלפן די אינסטיטוציעס ,וואָס זיינען אייך און אונדז טייער.

ווינטשן מיר אייך אַלע לעבן און זיין געזונט. און אַזוי אייך באַ־גריסן צו אייער זילבערנער פייערונג!

דזשעק קירזנער, האָספיטאַלער

ראָזענצווייג,
מאָסקאָוויטש,
טראָסטיעס

לואיס שיין,
אַנאַ לעווין,
סעקרעטאַרן

צוזאמען מיט דער עקזעקוטיווע
פון ברענטש

# ווערטער — און באגריסונגען

## פון לייבקע נאַסקעס

• • •

## צו דער 35 יאָריקער פייערונג פון אונדזערע שיקאַגער קרינקער לאַנדסמאַנשאַפטן פאַראייניען

חברים! אונדז איז גוט באַקאַנט דער געפיל וואָס מען לעבט דורך ביי אַזאַ פייערונג. אַ סך דעראינערונגען לויפן דורך אין קאָפּ ביי דעם, פריידיקע — און ניט ווייניק טרויעריקע. מען דערמאָנט זיך אָן יענער צייט, פון די פערזאָנען וואָס זיינען דאַן געשטאַנען ביים געבורט פון די אָרגאַניזאַציעס. וואו זיינען זיי איצט?... און די ביסל אויף לאַנגע געזונטע יאָרן, וואָס זיינען נאָך דאָ. פאַלט דאָך די אַרבעט אַזוי שווער. און אַרבעט איז נאָך דאָ אַזוי פיל. דערהויפּט פאַר אונ־זערע ברידער אין ישראל. עס איז דאָך אַזאַ גרויסע דערהאַבענע פרייד וואָס אונדזער דור האָט דערלעבט די פאַרווירקליכונג פון ישראל.

שרייבן צו אונדז בריף קרינקער ברידער, אָנגעקומען לעצטנס פון די גלות לענדער, דערהויבט פוילן. מיר זיינען אַרויס באַרוועס און גע־קומען נאַקעט... און כאָטש עס איז דאָ איצט ניטאָ וואָס צו אָפּעסן זאַט, און אַוואו אָנצושפּאַרן די מידע קאָפּ, זיינען מיר דאָך ניט פאַרצווייפלט. אַ דאַנק אַ פריער דעם אויבערשטן און נאָכהער אונזערע קרינקער ברידער, אין דער ווייטער אַמעריקע, האָבן מיר זיך געראַטעוועט פון דער, מיט אידישער בלוט אָנגעזאַפּטער ערד פון פוילן, און מיר פילן אַז איר ברידער קרינקער פון אַמעריקאַ וועט אונדז אויך איצט, ניט פאַרלאָזן. און דאָס טאַקע שוועסטער און ברידער פון שיקאַגע, איז אונדזער באַרוף. אייערע טעטיקייטן מאַכן מעגלעך צוזאַמען מיט אונדז שיקן צו אונדזערע ברידער אין ישראל פּאַקעטן שפּייז, מלבושים. אָה! מיט וואָס פאַר אַ פרייד און דאַנק זיי דריקן אויס ביים באַקומען דאָס! און איר שיקאַגער שוועסטער און ברידער, זענט דאָך די גאַנצע צייט מיט אונדז ניו־יאָרקער קרינקער רעליף קאָמיטעט ביי דער הייליקער הילפס אַרבעט. און דאָס זעלבע לאָס אַנדזשעלעסער קרינ־קער פאַראיין, וועלכער ביי דער געלעגנהייט שיקן מיר גערוסן דורך אייך.

און צום סוף דערלויבט מיין ווייניקייט, דערמאָנען עטליכע פּערזאָנען פון אונדזער קרינקער רעליף קאָמיטעט פון ניו יאָרק. אברהמ׳ל גאַלאַנטס יאַנקעלע, וועלכער איז אָריגינעל אייערער א שיקאַגער. ער פאַרנעמט זייער אַ אָנזעענדיקן פּלאַץ אין אונדזער קאָ־מיטעט. אַט דער יאַנקעלע, ביי אַלע אונדזערע אָפּילס, ענטפערט אימער מיט גרעסערע סומען געלט ווי פיל רייכערע פאַר אים. ער האָט אונדז שוין איבערגעגעבן שיינע הונדערטער דאָלאַרן. ער איז וויצע־פּאָרזיצער פון אונדזער רעליף. און וועגן נאָך איינעם וויל איך דאָ זאָגן אַ וואָרט. דאָס איז אוירווינג נאָוועק, אונדזער פאָרזיצענדער.

אַ יונגער מענטש וועלכער ווידמעט זיין גאַנצע צייט אונדזערע הילפס טעטיקייטן, און איך ווייס ניט, ווי וואָלטן מיר געקענט דער־ליידיקן אַלץ, אָן אַזעלכענע טרייע איבערגעגעבענע טוערס? ווינטשן מיר אויך ביי אייך אַזעלכעס.

און, אייער פאַראיין און פרויען אוקזילערי, ווינטשן מיר: זיין געזונט, און ווייטער מיט אונדז פאָרזעצן אָט די טאָקע שווערע אַר־בעט, אָבער הייליקע נשמה׳דיקע אַרבעט. מיר שיקן אַריבער צו אייך פיל ברכות און גערוסן צו די מיללערס, די גרינבערגס, די פריידענ־שטיינס, די סילווערס, די שניידערס, די דזשייקאָבס, די סעלקאָווס, די וויינבערגס, די לידערס, די קירזנערס. און די אַלע וואָס מיר קענען ליידער זיך ניט דערמאָנען די נעמען.

מיט האַרציקע גרוסן פון אונדזער קאָמיטעט. שטענדיק מיט אייך.

(לואיס נאַסקעס) לואיס שיין, סעקרעטאַר

קרינקער רעליף קאָמיטעט

פון ניו יאָרק

איך באַגריס האַרציק אונדזערע קרינקער לאַנדסלייט אין שיקאַגאָ,
לכבוד זייער פייערונג.

**MR. & MRS. ABE BLOCK AND CHILDREN**

320 Ditmas Avenue

Brooklyn New York, N.Y.

---

גערוסן און באַגריסונגען צו אייך חשובע קרינקער לאַנדסלייט אין שיקאַגאָ. צו אייער 30-יאָריקער יובליי פייערונג. איך האָב געהאַט דעם כבוד אייך צו זען ביי דער הייליקער אַרבעט פאַר אונדזערע קרינקער ברידער.

**MR. & MRS. IRVING NOVECK**

33 West 93rd Street

New York City

---

מיינע ליבע חברים קרינקער לאַנדסלייט אין שיקאַגאָ

איך פיל מיט מיט אייך. די שווערע אָנשטריינגונג וואָס מען מוז מאַכן אָנצוהאַלטן אייער שיינעם שטאַנד פון אייערע־אונזער פאַראיין, סאַי פאַר אייערע שטאַטישע אינסטיטוציעס און דערהויבט פאַר אונדזערע אייגענע קרינקער ברידער אין ישראל, וועלכע מיר מוזן העלפן.

טאָ זאָל אייך פאַר דעם גאָט שטאַרקען און זיין געבענטשט.

אימער אייערע,

...... ...... לייבקע נאָסקעס און איטקע

**MR. & MRS. LOUIS SCHAEN**

2759 Barker Avenue

Bronx, New Work, N.Y.

Tel. Ol. 2-5339

השוב׳ע שיקאַגער קרינקער לאַנדסלייט:

איך בין פון קריניק, אברהם גאַלאַנטס אַ זון, מיין יוגנט איז גע־וועזן פריער אין אונדזער קריניק, דאַן אין אייער שיקאַגאָ. איצט בין איך אין ניו יאָרק. און צוזאַמען מיט אונדזער לייבקע שיין, האָב איך דעם כבוד צו אַרבעטן פאַר אונדזערע פּליטים ברידער, אין קרי־ניקער רעליף קאָמיטעט. אויך איר טוט דאָך דאָס זעלבע. טאָ זייט געגריסט פאַר דעם.

**JACK A. GOLANT**

1182 Broadway, New York City

Tel. Murray Hill 6-8792

---

מיט שטאָלץ באַגריסן מיר אונזערע קרינקער לאַנדסלייט, פון קרינקער פאַראיין און ליידיס אוקזילערי, פון שיקאַגאָ.

מיר האָפן דאָס אונזערע קרינקער וועלן שטענדיק זיין פאַראייניקט און אַר־בעטן צוזאַמען פאַר אַלץ וואָס איז גערעכט און מענטשליך.

...... ...... סאָפי און סעם בערגער

---

איך באַגריס פון טיפן האַרצן אַלע מיטגלידער פון דעם קרינקער פעראיין און ליידיס אוקזילערי, צו דעם 35טן און 30טן גרינדונגס עניווערסערי.

...... ...... שרה ביילה דזשיימס

און פאַמיליע

**S. B. JAMES**

אין ליבן אָנדיינק פון אונזער מוטער

# לאה סעלקאף

פון די טעכטער און פאמיליעס

אין אָנדיינק פון אונזער ליבן מאַן און פאָטער

# סעם סמיט

ראוז סמיט

און פאמיליע

# יזכור

מיט גרויס שמערצן און מיט טיפן ערן-געפיל, דערמאָנען מיר אין די שורות, צו פאַרצייכענען צום אייביקן אָנדיינקען די נעמען פון אונזערע זעליגע שוועסטער און ברידער, וועלכע זיינען פון אונז אַוועקגעריסן געוואָרן.

די כוחות און ענערגיע וואָס זיי האָבן אַוועקגעגעבן פאַרן קרינקער פאַראיין און לײדיס אוקזילערי, ביי זייער לעבן וועט אימער דערמאָנט ווערן מיט ליבע און אכטונג.

• • •

| | |
|---|---|
| פנחס פיינבערג | שלום צרפת |
| דוד פוריע | סעם גארדין |
| ברוך אליהו וויינער | אלקנה קאָהען |
| דוד סאלקין | אַלתר סטאָלאַרסקי |
| דוד גרינבערג | יעקב פינק |
| יצחק פערלמאַן | יונה ניומאַן |
| ישראל קאפלאַן | ישראל ניומאַן |
| מאיר מינקוס | יוסף גאָלדסאַן |
| אביגדור עדוואַרד | סעם טערקעל |
| ברוך סיימאַן | סעם קארעש |
| יוסף סיימאַן | מאקס מייער |
| לואיס סערלין | אַלתר בוש |
| נייטען סערלין | משה דריי |
| שמואל מינקוס | פריינק בושניק |
| מאָריס בושניק | סעם בושניק |
| יהודה גאלינסקי | שלום קאָפּוליער |
| ישעיה לעווין | ישראל רובענשטיין |
| יהודה עדוואַרד | גדליה סידראנסקי |
| לעאָנאַרד מייער | יהושע זעליג סאלאווי |
| הערי מייער | אפרים שטיינבערג |
| מאיר קאָהען | ישראל שטיינבערג |
| ניסן קירזנער | יוסף עפּלבוים |
| הערי שניידער | יוסף מאַרקוס |

| | |
|---|---|
| אַלתר קאפעל | שכנא מילער |
| מאַקס שייפער | יעקב שלמה קאפּלאַן |
| דזשייק דעמבא | יוסף דוד קאַפּלאַן |
| דוד רובענשטיין | שמואל רובענשטיין |
| יצחק מילער | יוסף גאָלד |
| חיים מייער רובענשטיין | וויליאַם עדוואַרדס |
| אַדאָלף פינק | אברהם שניידער |
| אייב קלעס | חיים גרינבערג |
| משה אַלפּערט | ר׳ אברהם שמעון אַלפּערט |
| ניסן ב״ר משה דזשיימס | בנימין יאגלאם |
| אליעזר אליצקי | אברהם מילער |
| צבי דוד מייער | דר. ל. א. לעווין |
| יהושע סאלאוויי | אברהם מאַרקוס |
| דוד סאלאוויי | ידידיה מייער |
| יצחק רוף | משה טיקאצקי |
| מאַרווין אַלפּערט | טעבי סטאַן |
| בצלאל גארדאַן | אלתר לידער |
| חיים עווענס | בען סטאַן |
| חיים גארדאַן | דזש. סמיט |
| אהרן טיקאצקי | אב. פערלמאַן |
| דזשאו פרידמאַן | סעם סמיט |
| רבי אליעזר גערץ | סעם לעווין |
| נ. ה. סטאַן | הירשל סטאָלאַרסקי |
| אַלתר שורמאַן | אב. סאעל |

---

# פרויען

| | |
|---|---|
| חנה מערע פיינבערג | דזשולי שניידער |
| צירל סאלקין | פרומע, שלום חנקעס |
| מערע סמיט | שרה קאַהען |
| חיה קויפמאַן | מיני לידער |
| מיכלע אווערדאַן | יהודית שניידער |
| חיה עדוואַרד | הענע דבורה מייער |
| חיה זלאַטע סעמסאַן | איטקע אַלפּערט |
| נחמה גאלדבערג | פייגע ווייַן |
| לילי מאלאווסקי | פריידע סעקס |

חיה טיקאצקי
סאשקע רובענשטיין
פרומע סידראַנסקי
טויבע פרידענשטיין
דאָראָטי לעטצינגער
לאה פאָן
ענע גאָלדסאָן
איידאַ לעווין
איטקע קאַפּלאַן
זעלדע בערגער
גיטל קירזנער
יאכע טיקאצקי
ביילקע טיקאצקי
שרה רובענשטיין
חי׳ צירל מילער
חיה קאפעל
מייטע פאהן
מאַשע גאָלדמאַן
דאָרע טערמאַן
טאמארא סערלין
באַשע שניידער
שרה פרידמאַן
פייגע עווענס
אַלטע סקלאַר
רייזל דזשייקאָבס

פריידע וואלף
שיינע דריי
צפורה באָסקין
חי׳ פיינבערג
מיכלע גוטאפסקי
סלאָווע בושניק
רייזל גארטענבערג
ביילע ענגעלס
שרה ליפשולטץ
מרס. איצטקאָוויץ
פעשע מייער
פענע מילער
רבקה פרידמאַן
שרה מייער
לאה סעלקאָף
ציפא מילער
מרס. שלאָס
דזשעני קאפעל
פעשע רחל עדוואַרד
דאברולקע גאַרדאָן
מיכלע דזשייקאָבס
ענדעל וויינבערג
סאַשקע סאלאָוויי
ענאַ שניידער